דער נסתר / געקעפט

— וואָס מיינט מען? איבּ קרוינען?

— וועמעס קאָפּ איז דען איצט דערבּיי?

— ז י י נ ע ר געוויס ניט!

— ער טוט אים ווי זעהר...

און ער נעמט מיט אַ שטייף־אויסגעבויגן און דאַר פינגער־ביינדל און טוט זיך אין מיט שטערן אַ זעץ. שפּרינגט בּיי אים דאָס קאָפּ־און־שאַרבּן־דעקל, ווי דאָס דעקל פון אַ פּושקע־אָפּ, עפנט זיך אויף, און ס'קומט פון דאָרט זיין קאָמעדיאַנט, זיין קאָפּ־ווייטאָג אַרויס – אַ פראַנט, קאָמעדיאַנטיש־עלעגאַנט, און פון דעם טאַש פון זיין אויבּער־רעקל שטעקט זיך אַ טיכעלע אַרויס, אַ ווייס און מיט אַ פאַרפומען בּאַשמעקט, און ער כאַפּט דאָס אַרויס אויף גיך, קנייטשט דאָס צונויף איילנדיג, און ער גייט צו זיינע שלייפן און צו זיינע מאַט־פאַרמאַכטע אויגן צו בּאַנעצט זיי, בּאַשמעקט זיי און זיין קאָפּ־ווייטאָג פאַרגרינגערט...

— ווי פילסט זיך, אָדם? – פרעגט דער קאָמעדיאַנט.

– בּעסער; אָבּער בּעסער וואָלט איך דיך אין די אויגן ניט געזעהן.

און איזן איז דעמאָלט אויף דער נאַכט און שוין נאָהענט צו האַלבּע נאַכט, און דאָס צימער, וואו אדם געפינט זיך, איז פול מיט ליכט בּאַלויכטן, פון לעמפּעלאַך, וואָס הענגען פון דער מיט סטעליע אַראָפּ; און זיין קאָמעדיאַנט איז ניט אַליין פון קאָפּ אַרויס, נאָר מיט מכשירים זיינע, מיט אַ ליילעכל אויף דער ערד אויסצושפּרייטן און מיט זיין פאָקוס־שטעקעלע זיינע קונצן צו מאַכן. ליגט שוין איצט דאָס ליילעכל אויף דער ערד אויסגעלייגט, און דער קאָמעדיאַנט אויף דעם – אַ וואַנדערנדיגער דערוויש - זיצט, אין אַ לייווענטענעם כאַלאַט און מיט אַ שיסעלע אויף נדבות, די פיס אונטער זיך און זיין שטעקן ניט ווייט אַוועקגעלייגט.

— וואָס איז?

– כ'וויל מיט דיר איצט וועגן קרוינען רעדן: ווי קרוינען צו דערנער ווערן.

– פאַרשפּאָרסט, מ'האָט שוין אָפּגערעדט.

-- און אויך ווי דערנער, סוף כל סוף, אויס דערנער ווערן.

-- מ'ווייס עס אַליין.

– און אַז אַ קאָפּ איז נאָר – ער זאָל ווי סאָן – געמאַכט געוואָרן, דאָס איז זיין בּאַרוף און זיין איינציגע בּאַרעכטיגונג.

· זעהר שיין!

– און אַז ד יי נ ע ר איז בּאַרעכטיגט, און איך דין געטריי דיינעם, און מיין פונקציע איז אַ וויכטיגע, און איך פיר זי אויס, ווי ס'בּאַדאַרף צו זיין.

-- אָנגעלייגט!

– און אַז דו וועסט זיך איבּערציילן און דעם חשבּון מאַכן, וואָס נאָך אויסער ד ע ם און אויסער מ י ר וועט דיר אויף דיין וועלט בּלייבּן? גאָרניט!

– גליק און שלים־מזל מיינער, איז וואָס־זשע ווילסטו?

- גיבּ עפּעס אין שיסעלע... האַלט דיין אָרימען דערוויש אונטער, ער גייט איבּער דיין לאַנד און איבּער דיינע שטעט אַרום און ער קאָן דיר פיל וועגן דיינע גיטער דערציילן; פאַרבּרענג מיט אים.

– פאַרבּרענג איך, נו?

– בּין איך די לעצטע צייט אין דיינער אַ גרויסער שטאָט, אין דיינעם אַ בּאַגדאַד געווען, אויף אַ מאַרק־טאָג און אויף אַ יריד אַ גרויסן, האָט מען געהאַנדלט און געטומלט לאַנג, און נאָכן האַנדלען און נאָכן איינשטילן זיך פון יריד, האָט דער עולם אין בּינטלאַך און אין רעדלאַך זיך צונויפגעקליבּן. מ'האָט וועגן דיר, וועגן האַר פון לאַנד געשמועסט: ער איז וואויל, האָט מען געזאָגט, און גוט, און מ'דאַרף אים בּאַגוטיגן. -- „מיט וואָס?" – און אַלע קליינע רעדלאַך זיינען זיך אין איין גרויסן ראָד צונויפגעגאַן, און נאָך לאַנגע שמועסן און רעדעס רעדנערשע, האָט מען בּאַשלאָסן דיר אַ דענקמאָל שטעלן. און טאַקע בּאַלד האָט מען געלט קלייבּן גענומען. און די רייכע האָבּן זיך אַרויסגערוקט איינציגווייז, די פאַרמעגליכע זיינען מיט האַרטע פרוטות אָפּגעקומען, נאָר איינער אַ פאַקיר, אַ האַלבּ־דולער, און מיט אויגן קאַליע האָט פון זיין שויס אַ קראַנק און קרעציג מאַלפּעלע אַרויסגענומען, און אַ צווייטער אויך אַזוינער – האָט זיין טאָג־פרנסה אָפּגעגעבּן. האָבּ איך דאָס דערזעהן: דאָס אָרימקייט פון די אָרימע און דעם בּזיון פון די רייכע – האָבּ איך זיך צום עולם געווענדט און אים אָפּרעדן גענומען: די זאַך איז קיין זאַך, און די גאַנצע מעשה איז אָפּגעפרעגט און איבּעריג...

BEHEADED

by Der Nister (1923)

--What are they thinking of? Crowning him?

--Who else's head is available?

Certainly not his!

His aches a lot . . .

And with a stiff, crooked, and thin finger-bone he pushes against the middle of his forehead. The lid of his head and skull springs up like the lid of an alms-box, opens up, and his Comedian, his headache, comes out from there--a dandy, elegant like a Comedian, and from the pocket of his suitcoat a handkerchief sticks out, white and smelling of perfume, and he snatches it quickly, creases it hurriedly, and he approaches his temples and his dull closed eyes, moistens them, scents them and relieves his headache . . .

--How do you feel, Adam? asks the Comedian.

--Better; but I would be better if I didn't see you before my eyes.

And it is then nighttime and already almost midnight, and the room where Adam finds himself is fully lit up with light from lamps which hang down from the middle of the ceiling; and his Comedian did not come out of his head empty-handed, but with his tools, with a sheet to spread on the ground, and with his magic wand to perform his tricks. The sheet lies already liad out on the ground, and the Comedian--a wandering dervish--sits on it in a linen smock and with a bowl for donations, his feet tucked under him with his wand lying not far away.

--What's up?

--I want to speak to you now about crowning: how crowns become thorns.

--Spare me, we've already exhausted that topic.

--And also how thorns, in the long run, stop being thorns.

--That's obvious.

--And that a head has only been made for the sake of aching, that is its calling and sole justification.

--Very nice!

--And that yours is justified, and I serve it faithfully, and my job is an important one, and I execute it as it should be carried out.

--So be it!

--And if you figure it out and make an accounting, what will still remain on your world other than it and other than me? Nothing!

--My good fortune and misfortune, what is it you want?

--Put something in the bowl . . . Support your poor dervish, he goes to and fro in your land and in your cities, and he can tell you a great deal about your estates, spend some time with him.

--I'm spending time. Well?

--Recently I was in a large city of yours, in a Baghdad of yours, on a market day and at a large fair, the commerce and the noise lasted a long time, and after the commerce and after they calmed down from the fair, the crowd stuck together in bunches and groups. They talked about you, about the lord of the land: he is nice, they said, and good, and his good should be requited.--"With what?"--And all the small groups gathered together in one large group and after lengthy conversations and oratorical speeches, they decided to erect a memorial to you. And they started collecting money right away, and the rich ones slipped away one by one, the well-to-do got away with giving pennies, but a fakir, half-mad and bleary-eyed, took a sick and mangy monkey from his lap, and a second one gave up his day's earnings. When I saw this: the poverty of the poor and the disgrace of the rich--I turned to the crowd and began to dissuade them: The issue is no issue, the whole matter is contradictory and unnecessary . . . I know our lord, I said, and by his

כ׳קען דעם האַר אונזערן, האָב איך געזאָגט, און אַז ביי זיין לעבן, בין איך זיכער, וועט ער אויף קיין דענקמאָל ניט איינגיין. בטבע איז ער אַ בעל־פּחדן, ביינאַכט גייט קיינמאָל אין דרויסן ניט אַליין, און דער דענקמאָל מוז דאָך באַשטענדיג – אי בייטאָג אי ביינאַכט – אינדרויסן בלייבן, און אונזער האַר וועט דאָס ניט דערלאָזן, איך בין זיכער, און פאַר קיין פאַל ניט... און איך האָב אָפּגערעדט דעם עולם, און דעם ערשטן פאַקיר די מאַלפּע אומגעקערט, און דעם צווייטן זיין טאָגפאַרדינסט; און ביי די רייכע איז פון האַרצן אַראָפּ, און אויך די פאַרמעגליכע זיינען געווען אויפגעלייגט זעהר, און דער עולם איז זיך צוגאַן, און דער פּלאַץ איז באַלד ליידיג געבליבן; און דיינע אונטערטאַנער זיינען וואוילע אונטערטאַנער, און דיינע לאַנדס־לייט זיינען פון אַ חוב אַרויס... און געבליבן בין איך מיט זיך אַליין נאָר דעמאָלט, און איך מיט זיך האָבן זיך איבערגעקוקט נאָכן עולמס אַוועקגיין און הנאה געהאַט ביידע, און לאַנג נאָך אויפן פּלאַץ דאָרט דעם ענין אַרומצוקלערן פאַרבליבן, זיך אויף אַ שטיין צוגעזעצט און דעם גאַנצן אָוונט שטיל געקלערט פון דעם... יאָ, אדם!

– ס׳איז ליגן, קאָמעדיאַנט!

– פאַרוואָס?

– ווייל מיינע אונטערטאַנער ווייסן, אַז איך פאָדער פון זיי גאָרניט, און אַליין זיינען זיי ניט אַזוי שלעכט און נאַריש, און אומזיסט ווילסטו זיי מיר פאַרמיאוסן.

– חלילה, און דאָך...

און דאָ שפּרינגט דער דערוויש פון זיין אויף־דער־ערד־זיצן און פון דעם ליילעכל־פאַרשפּרייטקייט אויף, און ווידער ווי פריהער, און ווידער קאָמעדיאַנטיש אָנגעטאָן בלייבט שטיין, און ווידער מיט זיין טיכעלע באַשמעקט צו אדמס שלייפן גייט צו, באַנעצט זיי, באַשמעקט זיי, אים דעם קאָפּ־ווייטאָג פאַרגרינגערט און אַזוי זאָגט צו אים:

– און איצט, אדם, וויל איך מיט דיר ווידער וועגן קריינען רעדן, אָבער איצט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן אַנדערע צו קריינען... איך רעד פון דיין מייסטער... און אָט וועט באַלד האַלבע נאַכט קומען, און ער וועט זיך צו דיר, אַהער אין צימער, מיט זיינע נאָהענטע באַווייזן, און דיין גרויס דרך־ארץ פילט זיך שוין אין דיר, און דיין מורא און כבוד דריקט זיך שוין אויף דיין פּנים אויס, און מיך וועסטו צוריק אין קאָפּ אַריין פאַרטרייבן, און איך וועל פון דיינס אַ אויגשפּעלטעלע אויף וואָס דאָ וועט פאָרקומען אַרויסקוקן, און צוזעהן וועל איך מוזן, און שווייגן, און אויסהערן, און קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן, און אַ עדות און אַ שטומער זיין, און דעם גאַנצן שווינדל ניט שטערן, און אין אים זיך ניט אַריינמישן טאָרן...

– קאָמעדיאַנט!

ערלויב!

און דאָ גיט זיך דער קאָמעדיאַנט צו איינער אַ וואַנט אַ לאָז, מיטן שטעקעלע אין האַנט, אין דער לופט מיט דעם עפּעס באַוועגונגען מאַכנדיג, גיט זיך אַ שטעל פאַר דער וואַנט, אַליין אין דער זייט ביי איר, און די גאַנצע איבעריגע פאַר אדמען, פאַרן איינציגן צוקוקער, פריי מאַכנדיג, און דאַן, און אַ פּאָר רגעס אַזוי פאַר איר גרייט שטייענדיג, אַזוי טוט זיך מיטאַמאָל די אויבערשטע העלפט אירע אַ ריר און פאַרשווינדעט, די אונטערשטע בלייבט, און דורך דער ניט־בלייבנדיגער אויבערשטער שטעלט זיך אַ פאַרשוין – אַ פאַרשטעלעניש – אַריין: – אַ הויכער און אַ דאַרער, אין געלן אָנגעטאָן און אויך מיט אַ רעקל אַ געלס, און אין זיין האַנט עפּעס אַ כלי טראָגט און פאַר אַן אויער האַלט זי, און די כלי איז עפּעס מיט אַ טישטוכל פאַרדעקט, און מיט דער צווייטער, מיט זיין פרייער האַנט, טוט אַלע ווייַלע מיטן טישטוכל דאָס מויל פון כלי איינדעקן...

– ער האָט געהערט, דער מייסטער דאַרף אַהער קומען, האָט ער אים געבראַכט אַ נשמה צו פאַרריכטן.

– אַ נשמה? – פרעגט דער קאָמעדיאַנט.

– יאָ.

– און וואָס פעלט איר דען?

– פעסטקייט אין די פיס, די קניעס בויגן זיך איר, און שוואַך אויף די פיס האַלט זיך. – און דער פאַרשוין גיט צו: – געבוירן איז זי אַ געזונטע, מיט אַלע אברים ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און אויך מיט פיס אָהן אַ פעלער, אָבער שטיין אויף זיי איז זי ניט בכח, זאָגט זי, און תמיד און באַשטענדיג מוז אַ שטיצע און אַ אָנשפּאַר האָבן.

– נו?

life, I am certain he will not consent to a memorial. By nature he is a coward, he never goes out alone at night, and the memorial after all must constantly--both by day and by night--remain outside, and our lord will not permit it, I am certain, in any case . . . and I dissuaded the crowd, and returned the monkey to the first fakir, and to the second one his day's earnings; and the rich were relieved, and the well-to-do also very cheerful, and the crowd dispersed, and the square soon remained empty, and your subjects are good subjects, and your countrymen were relieved of a debt . . . And I remained alone with myself only then, and I and myself looked at each other after the crowd had left and we both enjoyed ourselves staying for a long time yet on the plaza there thinking over the matter, we sat down on a stone and quietly contemplated the whole evening . . . Yes, Adam!

--It's a lie, Comedian!

--Why?

--Because my subjects know that I require nothing from them, and they themselves are not so evil or foolish, and your attempt to make me loathesome to them is to no avail.

--God forbid, and yet . . .

And here the dervish jumps up from sitting on the ground and from the sheet that is spread out, and remains standing again as earlier, again dressed like a Comedian, and again approaches Adam's temples with his perfumed handkerchief, moistens them, scents them, relieves his headache and says this to him:

--And now, I want to speak to you again about crowning, but now not about myself, but about crowning others . . .I'm speaking about your Master . . . And midnight will soon come, and he will appear to you here, in this room, along with his followers, and your great esteem for him is already felt in you, and your fear and deference are already expressed in your face and you will drive me back into your head, and I shall watch what will happen here through a slit in your eyes, and I will have to observe, and keep quiet, and listen, and not utter a word, and be a witness and a mute one, and not disturb the entire deception, and must not mix into it . . .

--Comedian!

--With your permission!

And now the Comedian goes over to one of the walls with his wand in his hand, making some kind of motion with it in the air, stands in front of the wall, alone by its side, and clearing away all the rest for Adam, for his sole spectator, and then, standing thus ready a few moments before it, its upper half suddenly moves and disappears, the lower half remains and through the upper half which does not remain appears a character--a disguise: --tall and thin, dressed in yellow and with a yellow jacket too, and in his hand he carries some kind of utensil and he holds it by its ear, and the utensil is covered with some kind of cloth, and with his second hand, with his free hand, he covers all the while the opening of the utensil . . .

--I heard that the Master will be coming here, I brought him a soul to be repaired.

--A soul?--asks the Comedian.

--Yes.

--And what ails it then?

--Steadiness in the feet, its knees buckle, and it holds up weakly on its feet.--And the character adds:--It was born healthy with all limbs as they should be, and also with no blemish in its feet, but it does not have the strength to stand on them, it says, and must always and constantly have a support and a prop.

--Well?

– האָט זי זיך געהיילט אַ צייט, געטאָטערט און געדאָקטערט און אין פיל היילערטער אויסגעווען. האָט איר קיינער ניט געהאָלפן. און איצט האָט זי וועגן מייסטער געהערט, און וועגן אדמען, אַז אויך אדם איז אויף דעמזעלבן קראַנק, האָט זי זיך אַהער געבעטן, אום אינאיינעם מיט אדמען צום מייסטער זיך ווענדן.

– באַווייז זי.

און דאָ דעקט דער פאַרשוין דאָס טישטוכל אָפּ, און פון טאָפּ און פון אינעווייניג, ווי אַ גומי און אויפשפרינגענדיג, אַ צווייטער אדם, ווי אַ צווילינג זיינער, כאַפּט זיך אַרויס, שפּרינגט אויף דער ערד אַראָפּ, און פּונקט אַנטקעגן אדמען, און פּנים אַנטקעגן פּנים, בלייבט שטיין.

– וואָס איז דאָ? – ווענדעט זיך דאַן אדם צו די פאַרשוינען, קוקט זיי אַרום, קוקט אָן, באַטראַכט און פאַוואונדערט זיי, און דער עיקר צום ערשטן, צו זיין קאָמעדיאַנט קערעוועט זיך:

– וואָס איז דאָ?

– שרעק זיך ניט, ס'איז גאָרניט. ס'איז אַ פּאַציענט נאָך איינער און אַ קאָלעגע צו דיין קרענק דיר. און דער, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער, איז, ווי איך בײַ דיר, נאָר אַ דינער זיינער... קוק אים אָן.

און אדם גיט דאַן אויפן פאַרשוין, וואָס האָט דעם פּאַציענט געבראַכט אַ קוק, און דערזעהט: אמת, דער פאַרשוין און זיין דינער זיינען איינער אויפן אַנדערן ענליך, און דער פּאַציענט און ער אַליין חזרן זיך איבער, און דאָס, וואָס ס'קומט פאַר אים פאָר, איז אים ניט קלאָר, און פון דעם וואָס איז פאַר זיינע אויגן געשעהן, מישט זיך אין קאָפּ בײַ אים, און – וואָס זאָל דאָס הייסן און וואָס זאָל באַטייטן, און וואָס איז פאַר אַ צווילינג, און וואָס פאַר אַ געמיש דאָ?

– וואָס איז דאָ?

– שרעק זיך ניט, און מיר זיינען ניט איינע, און אַזוינע (זעה!) ווי דו, זיינען אַסך, און אַזוינע (זעה!) ווי מיר, זיינען ניט ווייניג און ניט קיין ביסל.

און אדם טוט אַ קוק און זעהט: – די ווענט פון זיין צימער צוגייען און צענעמען זיך פּאַמעליך, און זיין צימער צו אַ זאַל עפּעס ווערט, און די זאַל פאַרגרעסערט זיך און שוין צו אַ פעלד אַ גרויס איז ענליך. און דאָס פעלד איז מיט פיל מענשן אָנגעפילט, און די מענשן נאָר פון אדמס און נאָר פון דינערס באַשטייען, און אַלע זיינען אויסגעמישט, און דער עולם איז נאָר פון צוויי מינים אינגאַנצן... און די אדמס זעהען זעהר ערנסט, מיד און בלאַס אויס, און די דינער – מיט דינער־שמייכעלאַך אויף די ליפּן... און אַ גרויסע ליכט באַלויכט דאָרט אַלעמען, און די שעה איז שוין אַ שפּעטע און די האַלבע נאַכט אַ נאָהענטע. און מיטאַמאָל – און אַלעמענס אויגן אַרויף ווענדן זיך, און איבערן גאַנצן עולם גייט עפּעס אַ מורמל איבער, און אין אַלעמענס אויגן און אין אַלעמענס מורמל: – „דער מייסטער, דער מייסטער" – פילט זיך... און פלוצלינג און איבער די קעפּ פון אַלע, הויך און אין דער לופט זיך האַלטנדיג, דער מייסטער באַווייזט זיך... און אַלע אדמס דערזעהען אים און דערשרעקן זיך, קאָנען אויף די פיס ניט איינשטיין און פאַלן צו דער ערד אַנידער; און אויך די דינערס דערזעהען אים, און אַז זייערע האַרן זיינען אויף די קני געפאַלן, אָבער די דינערס בלייבן שטיין און אויף זייערע האַרן מיט פאַראַכטונג קוקן... און אויף זייערע ליפּן די שמייכלען צעוואַקסן זיך, גרויסן זיך און פאַרגרעסערן זיך און וואַקסן צו אַ גרויס געלעכטער אויס, און די דינערס לאַכן און לאַכן, און די דינערס בײַ די זייטן האַלטן זיך:

– קעלבער! האַרן־נאַרן!...

– קאָמעדיאַנטן! – שרייט דאַן אדם ניט מיט זיין קול דערשראָקן און מיט פּחד אויס. און די אויגן ווערן גרויס בײַ אים און זעהען ווי פאַרשטאַרטע, פּוסטע און ווילדע גלעזער אויס. און ער טוט זיך מיטאַמאָל אַ דערמאָן, און מיט דער האַנט אין שטערן אַ זעץ, און דאָס קאָפּ־און־שאַרבן־דעקל שפּרינגט בײַ אים ווי פון אַ ענגן שלאָס דאַן אָפּ. און דאַן און צו זיין נאָהענט־שטייענדיגן קאָמעדיאַנט זיך ווענדנדיג מיט פאָדערונג און באַפעל אויף זיין קאָפּ און אויף זיין אויפגעעפנטן ווייזט:

– אַריין!

און דער קאָמעדיאַנט פאָלגט, און דער קאָמעדיאַנט פאַר זיין האַרס באַפעל דערשרעקט זיך, כאַפּט זיך אין קאָפּ אַריין און לאָזט דאָס דעקל באַלד זיך צושליסן...

און דאָס פעלד ווערט אויס פעלד באַלד, און די פילע פאַרשוינען פאַרשווינדן פונם פעלד. און די ווענט גייען זיך

--It underwent treatment for a period, with doctors and Tartars, and showed up in many places of healing. Nothing helped. And now it has heard of the Master, and about Adam, and Adam too has the same sickness, it asked to come here, in order to turn to the Master together with Adam.

--Show it to me.

And here the character lifts up the cover, and from the pot and from inside, like rubber and jumping up, a second Adam, like a twin of his, slips out, jumps down on the ground, and remains standing just opposite Adam, and face to face.

--What is this here?--Adam turns then to the characters, looks them over, looks at, considers and marvels at them, and turns mainly to the first one, to his Comedian:

--What is this here?

--Don't be afraid, it's nothing. It's another patient and a colleague of your sickness, and the one who brought him here is, as I am to you, only one of his servants . . . Look at him.

And Adam then looks at the character who brought the patient, and perceives: in truth, the character and his servant are like each other, and the patient and he himself--repeat each other, and what is happening before him is unclear to him and what has happened before his eyes is mixed up in his head, and--what does it mean and what does it signify, and what kind of turn is this and what kind of mixup here?

--What is this here?

--Don't be afraid, and we are not one, and there are a lot (see!) like you, and not a few and no small amount (see!) like me.

And Adam looks and sees:--The walls of his room melt and move apart slowly, and his room becomes a kind of hall, and the hall becomes bigger and is already like a large field, and the field is filled with many people, and the people consist only of Adams and only of servants, and all are mixed together, and the crowd consists entirely of two types . . . And the Adams appear very serious, tired, and pale, and the servants--with servant-smiles on their lips--And a great light illuminates everyone there, and the hour is already late and it is close to midnight. And suddenly--and everyone's eyes turn upward, and a kind of murmuring passes over the entire crowd, and in everyone's eyes and in everyone's murmuring:--"The Master, the Master"--is felt . . . And suddenly and above everyone's head, floating high and in the air, the Master appears - - - And all the Adams see him and are afraid, are not able to remain standing on their feet and fall down to the ground; and the servants too see him, and their lords have fallen to their knees, but the servants remain standing and look at their lords with contempt . . . And on their lips the smiles grow, enlarge and become bigger and grow into a great laughter, and the servants laugh and laugh, and the servants hold their sides:

--Calves! Fool-lords! . . .

--Comedians!--Adam cries out, not with his own voice, frightened and afraid. And his eyes become large and look as if made of frozen glass, empty and wild. And he remembers suddenly, and with his hand he pushes his forehead, and the lid of his head and skull then springs up like a narrow lock. And then, turning to his Comedian standing nearby, with a demand and order he points to his opened head:

--Inside!

And the Comedian obeys, and the Comedian is afraid of his lord's command, slips into his head and quickly lets the lid close . . .

And the field quickly is no longer a field, and the many characters disappear from the field. And the walls come together

צונויף ווי פריהער. און דאָס צימער ווערט צימער ווידער. און נאָר דער פּאַרשוין, וואָס האָט דעם פּאַציענט געבראַכט, אויף זיין אָרט נאָך מיט זיין געבראַכטן שטייען, שטייען און ווי אויף אדמס וואָרט וואַרטן.

-- אין כּלי אַריין! -- באַפעלט דאַן אדם.

און דער צווייטער אדם שפּרינגט אין כּלי אַריין. דער דינער דעקט דעם טאָפּ ווידער מיט זיין טישטוכל צו. און אַליין קערעוועט זיך צו אדמען מיט דער פּלייצע אויס. און ווי גאָרניט ניט געווען. שטיל דורך דער פאַרשוואונדענער וואַנט ניט פּלייבט... און די וואַנט קערט זיך צו איר פריהערדיגן אָרט אום. און דאָס צימער באַקומט זיין אויסזעהן צוריק. און אדם איז אַליין שוין דעמאָלט. אָבער זעהר מיד און זעהר אויסגעמאַטערט פון דעם פאָרגעקומענעם. און ער לאָזט זיך אויף אַבענקל אַראָפּ. זיפצט שווער פון איבערגעקומענעם אָפּ. טוט זיך מיט דער האַנט איבערן שטערן אַוויש. און די האַנט ביי אים ווערט פון קאַלטן שווייס אים נאַס..

אַז ער באַרוהיגט זיך. זעהט ער: -- ס'איז האַלבע נאַכט די צייט. מיד און מאַט שלאָגט פון די סטעליע-לעמפּלאַך די שיין דאַן אָפּ. אַ שטילקייט. אַ האַלב-נאַכטישע. אין צימער און אין די ווינקלען הערשט. און די ווענט נאָכן פאָרגעקומענעם ווי נאָך עפּעס וואַרטן. אויף נייס און אויף נאָך. וואָס איבעראַנייס דאַרף איצט פאָרקומען...

און די וואַנט. וואָס אדם האָט זיך אַנטקעגן איר אויפן בענקל אַראָפּגעלאָזט. עפנט זיך אויף פּאַמעליך און אין אַ זייט גייט אָפּ... אַ גלייך און גרויס פעלד דאַן דערזעהט זיך... און אין גרויסן פעלד. אין שטילן. אַ וועג באַווייזט זיך. אַ וועג. און ווייט אויפן האָריזאָנט זעהט מען דעם מייסטער אָנקומען. און פאַר אים. אויף אַ גרויסער שטרעקע פאָראויס אַ בינטל תלמידים מיט ברויט און מיט וויין אין די הענט. אויפן וועג. ווי צו אדמען. גייען. און מיטאַמאָל, און אינמיטן וועג וואַקסט פון ערגעץ אַטיש אַרויס, און תלמידים קומען צו אים צו. לייגן דאָס ברויט אַוועק און שטעלן דעם וויין אַנידער. און שטיל צום האָריזאָנט זיך ווענדנדיג. אויפן מייסטער און אויף זיין אָנקומען וואַרטן. און דער מייסטער דערנעהענט זיך, און דער מייסטער גייט צו. און די תלמידים טרעטן דאָס אָרט אויבן־אָן ביים טיש אים אָפּ. און שווייגנדיג און מיט כּבוד אָפּגעטראָטן, ביי די טיש־ראַנדן שטעלן זיך. און דער מייסטער הויבט די הענט און די אויגן אויף און נעמט דעם טיש. דאָס ברויט מיטן וויין בענשן: -- אַ ברכה אויף דעם טיש. אַ ברכה אויף דעם ברויט און וויין און אויף אייך, תלמידים... עסט דאָס ברויט און טרינקט דעם וויין און האָט אונזערן אַ נייעם תלמיד אין זינען: מיר גייען צו אים און קומען. און היינט וועט ער אויף זיך אונזער גוטס און גורל קרוינען.

און תלמידים עסן, און תלמידים דעם וויין פּרובן. און בשעת עסן דעם מייסטערס ווערטער געדענקען. און דעם נייעם נאָך ניט־געזעהענעם תלמיד שוין אין זינען האַלטן.

און אָט. און ווי דער מייסטער דאָרט נעבן זיינע תלמידים און אויף זייער עסן וואַרט. אַזוי טוט ביי אדמען עפּעס אין די אויגן אַ שווינדל... דאָס פעלד בלייבט ניט. און די וואַנט. וואָס האָט זיך אויפגעעפנט. איז אויף איר פריהעריגן אָרט ווידער. שטיל... נאָר אין דער טיר פון צימער עפּעס אַ לייכט קלאַפּן דערהערט זיך:

-- אַריין! -- זאָגט אדם.

און מיטן זאָגן פון דעם וואָרט. דערפילט אדם אַ גרויס אחריות פאַרן זאָגן. און אַז דאָס. וואָס פון יענער זייט. דאַרף באַלד צו אים אַריינגיין און זיין שוועל איבערטרעטן. און ער שטייט פון זיין אָרט און זיין בענקל אויף. און מיט פּנים און קערפּער צו דער טיר דאַן ווענדט זיך. און אַזוי. און זיך ווענדנדיג און בכבוד בלייבנדיג. מיט דערוואַרטונג אויף זיין טיר אַרויסקוקט... און די טיר עפנט זיך. און דער מייסטער פאָראויס גייט, און נאָך אים די פעלד־תלמידים באַווייזן זיך. קומען אַריין. און אדם נעמט דאָס בענקל און דערלאַנגט עס דעם מייסטער באַלד. און דער מייסטער זעצט זיך. און אַלע אַרום אים אין אַרעדל שטעלן זיך...

וויפיל ס'געדויערן אַזוי די ערשטע מינוטן. ווייס ניט און גיט זיך קיין רעכענונג ניט אָפּ אדם; און ציהען ציהען זיי זיך לאַנג די מינוטן. און געדויערן געדויערן זיי זעהר לאַנג. און דאָס צימער ווערט מיט אַ שטילקייט אָנגעפילט. פון דעם זיצנדיגן מייסטער און פון די תלמידים שטייענדיגע. און דאָס וואָרט פון מייסטער איז נאָך ניט געזאָגט. אָבער באַלד דערהערט זיך עס:

as before, and the room becomes a room again, and only the character who brought the patient stands in his place with the one be brought, stands as though awaiting Adam's word.

--Into the utensil!--Adam then orders.

And the second Adam springs into the utensil, the servant covers the pot again with its cloth, and himself turns his back to Adam, and as if nothing were there, quietly disappears through the wall . . . And the wall returns to its former position, and the room receives back its earlier appearance, and Adam is already alone then, but very tired and very exhausted from what has happened. And he lowers himself onto a bench, sighs heavily over what has occurred, wipes his brow with his hand, and his hand becomes moist with cold sweat . . .

When he calms down, he sees:--the time is midnight, the light of the ceiling lamps is then reflected tired and exhausted, a midnight stillness prevails in the room and in the corners, and after what has happened it is as though the walls are waiting for something, for something new and something additional that is about to happen . . .

And the wall opposite which Adam had lowered himself onto the bench opens up slowly and recedes to the side . . . A large, level field is then seen . . . And in the large, quiet field a road appears. A road, and far on the horizon the Master is seen coming, and before him, some distance in front of him, a group of disciples with bread and with wine in their hands are walking on the road, as though toward Adam. And suddenly and in the middle of the road a table grows out of somewhere, and the disciples approach it, set down the bread and put down the wine, and quietly turning toward the horizon, await the Master and his arrival. And the Master draws near, and the Master approaches, and the disciples make room for him at the head of the table, make way for him silently and respectfully, standing on the sides of the table. And the Master raises his hands and eyes and blesses the table, the bread, and the wine:--A blessing on the table, a blessing on the bread and wine and on you, disciples . . . Eat the bread and drink the wine and have our new disciple in your thoughts: we are walking toward him and coming, and today he will be crowned with our good and our fate.

And the disciples eat, and disciples test the wine, and while eating remember the Master's words, and already have the new as yet unseen disciple in their thoughts.

And now, and as the Master waits there by his disciples while they eat, some kind of trick happens in Adam's eyes . . . The field disappears, and the wall that had opened up returns to its former position. Quiet . . . but a kind of light knocking is heard on the door of the room:

--Enter!--says Adam.

And as he says this word, he feels a great responsibility for saying it, and since what is on the other side of the door must soon come in and pass over his threshold, he rises from his place and his bench, and then turns with face and body toward the door, and thus, and turning and remaining respectfully, looks at his door with expectation . . . And the door opens, and the Master walks in first, and after him appear the disciples from the field. They enter, and Adam quickly presents the bench to the Master, and the Master sits down, and they all form a circle around him . . .

How long these first moments last Adam neither knows nor calculates; and the moments are drawn, drawn out for a while, and they last, last a long time, and the room is filled with a quietness, from the sitting Master and from the disciples standing, and the Master's word has not yet been said, but it is soon heard:

דו האָלסט בײַ קרוינען, אדם, און אויך מיר האַלטן דערבײַ. און מיר מוזן באַלד אויפֿן פּלאַץ פֿון די געקעפּטע זײַן. זעהסט! -- ווענדעט זיך דאַן דער מייסטער צו אַלע אַרומיקע -- און דאָס גאַנצע אדמס צימער פֿאַרשווינדט מיט־אַמאָל, מיט דער סטעליע און מיט ליכטיקייט און מיט די ווענט און ווינקלען אַרום. און דער מייסטער מיט די באַגלייטערס אַלע אויף אַ גרויסן ווילדן פּלאַץ געפֿינען זיך... זעהט מען דאָרט: -- דורך דער גאַנצער ברייט פֿון פּלאַץ אַ הויכע וואַנט, וואָס ביזן הימל דערגרייכט, איז אויפֿגעשטעלט. און די וואַנט איז אַ ליימיגע און אַ טויבע, און עפּעס אַ לייכטער לייטער ווי אַ פֿלעכטנדיק געוואוקס אויף איר אַרויף פֿלעכט זיך. און די שטאַפּלען און די טרעפּלאַך פֿון מענשליכע קעפּ און שאַרבנס זײַנען, און די שטאַפּלען זײַנען נאָך ווייניק זעהר, און ביזן הימל, און ביז דער העכסטער הויך פֿון וואַנט איז נאָך אַ מהלך און אַ גרויסער זעהר... און דער פּלאַץ איז ליידיק, און קיינער קומט ניט אויף אים, און אויף די גרעניצן זײַנע אַ פּוסטקייט הערשט. און ווער ס'קומט צו צו זיי, פֿאַלט אויף אים אַ מורא אָן, און ווער ס'איז שוואַך, האַלט זיך פֿון די גרעניצן גאָר פֿון ווײַטן, און ווער ס'איז שטאַרקער, שטעלט זיך אַמאָל איין צו זיי צוגענעהענען, אָבער אַלע דערשרעקן זיך און באַלד אויף צוריק פֿאַרקערעווען; פֿאַרקערעווען... בפֿרט, אַז די וואַנט מ'דערזעהט, ווי הויך און ווײַט זי איז, און נאָך מער -- אַז מ'כאַפּט פֿון ווײַטן אויפֿן לייטער אַ קוק -- פֿון וואָס זײַנע שטאַפּלען און טרעפּלאַך באַשטייען... גייט מען פֿון דאָרט אָפּ; אָבער איינער אין אַ דור אַ מאָל טרעט יאָ די גרעניץ איבער, און איינער אין אַ צײַט אַ מאָל טרעפֿט זיך יאָ אַ אײַנשטעלער -- קומט ער צו דער וואַנט צו גיין. און דאָרט וואַרט שוין אַ אָרט אויף אים, אַ געריכט־און־משפּט־אָרט, מיט אַ קלאָץ, און אַ תּליון בײַ דער קלאָץ מיט אַ גרויסער שווערד אָנגעגרייט. און יענער אײַנשטעלער איז שוין גרייט, און דער אײַנשטעלער לייגט דעם קאָפּ אויף דעם קלאָץ אַוועק, און דער תּליון האַקט אים אָפּ, ווי ער האַקט... און אַז דער קאָפּ איז אָפּגעהאַקט, גיט אים דער תּליון אין די הענט דעם געקעפּטן, און דער געקעפּטער נעמט אים און גייט מיט אים אויפֿן לייטער אויף, און דער לייטער דאַן מיט אַ קאָפּ העכער ווערט, און דעם לייטער קומט דאַן אַ שטאַפּל צו...

און דער מייסטער מיט די באַגלייטער זײַנען יענעם פּלאַץ אַריבערגעטראָטן, צום אָרט פֿון משפּט און קעפּן גענעהענט, און דער תּליון איז שוין אָנגעגרייט געשטאַנען; און דער מייסטער האָט דער ערשטער דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט, דערנאָך אים גענומען און מיט אים אויפֿן לייטער אויפֿגעגאַן. און נאָכן מייסטער די תּלמידים אַלע, און איינער נאָך איינעם דאָסזעלבע, און צום לעצטן איז אדם געווען, און אדמס קאָפּ איז צום העכסטן און לעצטן שטאַפּל געוואָרן.

אַז זיי האָבן דאָס אָפּגעטאָן, האָט זיי דער מייסטער צונויפֿגענומען אַלעמען, אַ גרויס ליכטיקייט האָט אים דאַן פֿון אָרט פֿון זײַן פּנים אַרויסגעלויכטן, און אויך די תּלמידימס פּנימער זײַנען מיט ליכט באַלויכטן געווען; האָט ער זיי צונויפֿגעזאַמלט און אויפֿן אָרט פֿון משפּט זיי אויסגעזעצט, אויסגעזעצט און זיי אַזוי געזאָגט:

-- תּלמידים און געקרוינטע! אַז איר וועט איצט אָהן די קעפּ אַהיים קומען, וועלן אײַך אײַערע אייגענע און קרובֿים אַרומשטעלן און אײַערע אויסזעהענס און מזלות באַוויינען, און אײַערע קאָמעדיאַנטן וועלן אײַך פֿאַר די אויגן קומען, וועלן זיך מיט אײַך רייצן און אויף אײַערע „מפּלות" זיך פֿרייען און אײַך פֿרעגן: „בעלי־מוחות, וואו האָט איר די קעפּ פֿאַרלוירן?" -- און איר וועט זיך פֿאַרלירן, און שעמענדיק און פֿאַרשעמטע אויף דער ליכט פֿון אײַערע קעפּ זיי אָנווײַזן. און זיי וועלן לאַכן און חוזק מאַכן, און פֿאַר די בײַכער וועלן זיי זיך האַלטן, און -- „קאָמעדיאַנטן!" -- וועלן זיי אײַך זאָגן -- „ווי וועט איר אײַער לעבן אָהן אײַערע קעפּ אויסקומען, און אויף וועמעס עצות־שטריק האָט איר זיך געלאָזט, און אונז ניט געהערט, און אונז נאָך קאָמעדיאַנטן אָנגערופֿן... און וואָס וועט אײַך אַרויסקומען, אַז דער ווינט וועט שוין אײַך אײַערע קעפּ אויף דער וואַנט דאָרט הוידן, און -- אַ גליק וועט אײַך טרעפֿן! -- אַז עמיצנס פֿיס וועלן אויף אײַך טרעטן, אום נאָך אַ קאָפּ אויף איבער אײַערע אויפֿצוהענגען"... אַזוי וועט מען אײַך זאָגן. הערט! לאָזט אײַערע קרובֿים זיך אויסוויינען, און אײַערע אייגענע זיך אָפּבאַדויערן, און מיט די קאָמעדיאַנטן, אַז איר וועט בלײַבן, זאָלט איר זיי די מעשה מיטן בריק און מיטן אַל־בריק דערציילן.

און אַזוי זאָגט צו זיי:

--You are about to be crowned, Adam, and we are too, and we must soon be at the Plaza of the Beheaded. See!--the Master turns then to all those around him, and Adam's entire room suddenly disappears, including the ceiling and the light and the walls and corners. And the Master and those accompanying him all find themselves on a large, wild plaza . . . There is to be seen there:--Through the entire breadth of the plaza there is erected a high wall which reaches up to heaven. And the wall is of clay, impenetrable, and a kind of light ladder like an entwined plant twines upward on it, and the rungs and the steps are of human heads and skulls, and the rungs are still very few, and there remains yet a very great distance to heaven and to the highest height of the wall . . . And the plaza is empty, and none comes on it, and on its borders an emptiness rules, and whoever approaches them is overcome with fear, and whoever is weak keeps quite far from the borders, and whoever is stronger dares to approach, but they all soon become frightened and turn back . . . Especially when they see the wall, how high and far it is, and in addition--when they take a look at the ladder from afar--at what the rungs and steps consist of . . . they depart from there; but one person in a generation does step over the border once, and one person once in a while does take a risk . . . comes and approaches the wall. And there a place already awaits him, a court and a place of judgment, with a wooden block, and an executioner by the block with a large sword ready. And the one who takes a risk is already prepared, and the one who takes a risk lays his head on the block, and the executioner cuts it off in the way he cuts . . . And when the head is cut off, the executioner places it in the hands of the beheaded, and the beheaded takes it and mounts the ladder with it, and the ladder then becomes one head higher, and the ladder receives another rung . . .

And the Master and those accompanying him crossed over that plaza, neared the place of judgment and heads, and the executioner was already standing ready; and the Master was the first to lay his head down, and afterward took it with him and mounted the ladder. And after the Master all the disciples, one after another did the same, and Adam was the last one, and Adam's head became the highest and last rung.

When they finished this, the Master gathered them all together, a great light shone from the place of his face, and the disciples' faces too shone with lights; he assembled them and seated them on the place of judgment, seated them and said this to them:

--Disciples and crowned ones! When you now come home without your heads, your friends and relatives will gather around and lament your appearance and fate. And your Comedians will come before your eyes, they will make fun of you and will be happy over your "downfalls" and will ask you: "Brainy ones, where did you lose your heads?"--And you will become flustered, and ashamed and embarrassed will point out to them the light from your heads. And they will laugh and jeer, and hold their sides, and--"Comedians"!--They will say to you--"How will you manage your lives without your heads? Whose cunning plot did you follow, since you didn't listen to us; and you call us Comedians . . . And what will you gain from the wind already shaking your heads on the wall there, and--you should be so lucky!--that someone's feet will step on you, in order to hang one more head over yours . . ." That's what they'll say to you. Listen! Let your relatives lament their fill, and your kin mourn; and when you remain with the Comedians, you should tell them the Story of the Bridge and the All-Bridge.

And tell them this:

## מייסטערס דערציילן·

אמאָל איז איבער אַ טייך איינעם· פון איין ברעג צום צווייטן זיינעם· אַ בריק איבערגעוואָרפן געלעגן· אַ בריק· ווי אַלע בריקן· האָט מענשן און משאות· און פערד און וואָגן אויף זיך און דורכן טייך דורכגעלאָזט — בייטאָג און ביינאַכט· אום זומער און אום ווינטער· אין רעגנס און אין שנייען· אין אַלע וועטערן און אין פאַרשיידענע אינדרויסנס· געדינט און קיינמאָל זיך ניט געקלאָגט און קיינמאָל צו קיינעם קיין טענות ניט געהאַט; אַז ס'איז אין אים אַ לאָך געוואָרן· האָט מען אים פאַרריכט· אַז ס'האָט זיך ביי אים אַ ברעט אָדער אַ באַלקן אויסגעבראָכן· האָט מען אים נייע אונטערגעגעבן· און ער האָט זיין אַרבעט און זיין זאַך געטאָן: אַ ברעג מיט אַ ברעג פאַראייניגט· און מענשן מיט מענשן צונויפגעפירט· און טאָג ווי נאַכט אויף זיין פאָסטן געווען· און אָרדנטליך און ערליך זיין בריק־ברויט און זיינע פאַרריכטונגען פאַרדינט···

זיינען אָבער פיל יאָרן אַוועקגעגאַן און דער טייך אונטערן בריק האָט עפּעס ווי אויסטריקענען גענומען· און אויפן אָרט פון שטראָם און לויפנדיגן וואַסער האָבן זיך אינזלען און מיט ווערבעלאַך באַוואַקסן באַוויזן· און די ברעגן זיינען עפּעס אָפּגעפאַלן און מיט פיל אָטשערעס און טיף אין טייך אַריין זיך באַדעקן גענומען· — האָט זיך איינמאָל אין אָטשערעס אין· דאָרטיגן אַ לץ באַזעצט· און דער בריק איז שוין דאַן אַלט געווען· און דער בריק האָט שוין אָפט געקרעכצט און זיך אויף זיין פאָסטן געקלאָגט· און אַז וועגן מיט גרויסע משאות פלעגן אויף אים אַרויפפאָרן· פלעג ער זיך שוין בויגן און עפּעס שאָקלען דעמאָלט· און פון צייט צו צייט· און בשעת גרויסע געוויסערן ערב־פרילינגדיגע· פלעג ניט אויסהאַלטן און אַ מאָל אויף האַלב נאָר צעריסן ווערן· און אַמאָל שוין גאָר אינגאַנצן מיטן שטראָם אַוועקגעטראָגן ווערן··· פלעג מען אים נאָכיאָגן· אים פאַרהאַלטן· אים די צייט פון געוויסער ביי אַ ברעג ערגעץ, און וואוהין ער איז פאַרטראָגן געוואָרן· אָפּהאַלטן· און דאַן ווידער אים אַהיים ברענגען· ווידער אים צו זיינע ברעגעס צוקרעמפּעווען· און ווייטער אים צו זיין דינסט און אויף זיין אָרט און עלטער אים אַוועקשטעלן·

און דער בריק האָט געקרעכצט· זיך געהוידעט און אונטער משאות זיך געבראָכן· אָבער באין ברירה זיין זאַך געטאָן· און קיינער האָט אויף זיין ניט־קאָנען קיין אַכט געגעבן· און קיינעם איז זיין עלטער און זיין שוין ניט־טויגן אָנגעגאַן· און וועמען אַרט עס· און וועמען גייט עס דען אָן? ··· נאָר דער לץ ··· ביינאַכט אַמאָל· ווען דער בריק איז אַליין געבליבן· אין אַ שטיל וועטער· אין אַ נאַכט אַ אויסגעשטערנטער· ווען די ברעגעס שלאָפן· קיין פאָרער און קיין דורכגייער און קיין ברעג־פאַרבינדונג זיינען ניטאָ· און טייך ליגט רוהיג· און הימל מיט שטערן אין טייך אויף זיין נאַכט־גרונט שפּיגלען זיך· פלעג דער לץ דאַן·פון אָטשערעס אַרויסגיין· אַ מאָל אויפן בריק און אַ מאָל אונטער אים קומען· זיך אַוועקזעצן און מיטן בריק אַ שמועס פאַרפירן· און דער בריק פלעג זיינע בייטאָגעדיגע אויסשטייעניש אים אויסדערציילן· און דער לץ פלעג אים אויסהערן און מספּים זיין אויף זיין קלאָג· און דער בריק פלעג זיך צו אים נאָך אַן עצה ווענדן· און דער לץ פלעג פאַר אים נאָר איין עצה האָבן:

— נאַר· וואָס האַלסט זיך? וואָס וועסטו פון די פערדס טלאהען האָבן? און — אַלטער נאַר — וואָס ביסטו פאַר אַ מחויב?:··

און דער בריק פלעג זיך פאַרטראַכטן און מיט טייך און מיט הימל אין טייך זיך איבערקוקן· און יענע זיינען שטיל געווען· און יענע האָבן זיך אין שמועס ניט אַריינגעמישט· און נאָר פישעלאַך אין טייך און שטערנדלאַך אין הימל — אַ מאָל פלעג זיך אַ פישעלע אַ וואָרף טאָן· און אַ מאָל אַ שטערנדל אַ פינקל טאָן — האָבן ווי דערווידערט און דאַגעגן געהאַט און דעם אַלטן אויפן לצס עצה זיך ניט לאָזן געראָטן·

אַזוי אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט· אַזוי אַ צייט און אַ לאַנגע זעהר· און דער בריק איז אין אַ מרה־שחורה אַריינגעפאַלן, און דער בריק האָט שוין ניט גערן און אָפּגעלאָזן זיין זאַך געטאָן· און אָפט און זעהר אָפט פלעגן זיך שוין אויף אים אומגליקן מאַכן: — אַ פערד האָט אַ פוס אויסגעבראָכן· אַ מענש איז אין זיינער אַ לאָך אַריין — און צו אָפט האָט מען אים שוין פאַרריכט· און ס'האָט ניט געהאָלפן דאָס פאַרריכטן·

— בריק· ברעך זיך איין! — האָט אים אַלץ דער לץ געעצהט·

MASTERS TELL.

A bridge was once put up over a river, from one bank to the other. A bridge like all bridges, which allowed people and loads and horses and wagons to pass over the river--by day and by night, in summer and winter, in rain and in snow and in all sorts of weather and in various climatic conditions. In served and never complained and never reproached anyone; if a hole developed, it was repaired, when one of its boards or beams broke, a new one was added, and it performed its work and its function: uniting one bank with the other bank, bringing people together with people, at its post day and night, and honestly and honorably earning its daily bridge-bread and its repairs . . .

But many years passed and the river under the bridge had dried up somewhat, and in the place of the current and flowing water islands grew up with willow trees, and the banks became somewhat lower and became covered with many reeds, deep into the river--a clown once settled there in the reeds. And the bridge was already old then, and the bridge already groaned often and complained of its past, and when wagons with large loads used to travel over it, it already used to bend and shake somewhat then, and from time to time, and during great early spring floods, it was not able to endure and once was only torn in half, and once already was entirely carried away by the current . . . They used to chase after it, stop it, keep it during the flood period somewhere on a bank wherever it had been carried, and then bring it home again, tie it down again to its banks, and place it again in its service and in its place and old age.

And the bridge groaned, swaying and breaking under its burdens, but performed its task without a choice, and noone paid attention to its inability, and its incapacity concerned noone, and whom should it bother, and whom should it concern? . . . . Only the clown . . . Once at night, when the bridge remained alone, in calm weather, on a starry night, when the banks are asleep, there is no traveler and no passerby and no linking of the two banks, and the river lies quiet, and the heaven and its stars are reflected in the river and its night bottom,--the clown would then come out of the reeds, sometimes coming onto the bridge and sometimes under it, sit himself down and carry on a conversation with the bridge. And the bridge used to tell him of its sufferings during the daytime, and the clown would listen to it and agree with its complaint, and the bridge used to turn to him for advice, and the clown used to have just one piece of advice for him:

--Fool, why do you keep on? What will you gain from the horses' hooves? And--you old fool--what do you owe anyone? . . .

And the bridge used to think this over and exchange glances with the river and with the heaven in the river, and they were quiet, and they did not mix into the conversation, and only fish in the river and stars in heaven--sometimes a fish would jump, and sometimes a star would twinkle--seemed to oppose and be against the clown's advice and not let the bridge take his counsel.

Thus passed night after night, for a very long time. And the bridge sunk into melancholy, and the bridge was already doing its task unwillingly and negligently, and frequently and very often already accidents occurred on it:--a horse broke a leg, a man got caught in a hole--and it had been repaired too often, and the repairs did not help.

--Bridge, collapse!--The clown always advised it.

— ס'קאָן דאָך אָבער אַ אומגליק זיין!...

— איז וואָס גייט עס דיר אָן? און וואָס האָסט דו פון נ י ט קיין אומגליק? וואָס פאַרדינסט דו און וואָס דערלייגסט דו?

— גיי לץ, און וואָס וועלן בריקן זאָגן?

— כאַ־כאַ!...

און ס'איז דאַן ביינאַכט געווען. ליכטיגע שטערן האָבן פון איין זייט פון ברעג, פון אונטער אַ באַרג אַרויסגעשיינט, און פון באַרג און פון אַ סטעזשקע אַ דאָרטיגער האָט מען דערזעהן אַ וואַנדערער צום טייך זיך אַראָפּלאָזן. האָט אים דער בריק אויסגעוואַרט, און אַז ער איז אַראָפּגעקומען און פון ברעג אַ פוס שוין אויפן בריק אַ שטעל געטאָן, אויף אים אַרויפגיין געוואָלט, אַזוי האָט ער פלוצלינג פון בריק אַראָפּ, צי פון אָטשערעט אַרויס — אַ קול דערהערט, דער וואַנדרער.

— האַלט!

— ווער? וואָס? — האָט זיך דער וואַנדערער דערשראָקן און דעם פוס צוריק צום ברעג אַ כאַפּ געטאָן.

— איך, דער בריק, צו דיר, דעם וואַנדערער: איך האָב דיר וואָס צו פרעגן.

— וואָס?

— איך בין אַלט און אָפּגעפּאָרן, און זעה קיין תכלית, טרייסט מיך.

— און ווער האָט דיר אויפן געדאַנק אַרויפגעפירט?

— דער לץ פון אָטשערעט און מיינע אייגענע ביינער

— זיינען מיינע פיס מיר שוין ביזן בויך געשוואָלן, און דאָס געשווילאַכץ גייט מיר באַלד אונטערן האַרצן אונטער...

— און וואָס?

— און אויך מיינע פיס זעהען קיין תכלית ניט.

— און דאָך?

— און דאָך ביזטו אַ בריק און דו מוזט די מעשה מיטן אַל־בריק וויסן...

און דער וואַנדערער איז אויפן בריק אַרויפגעגאַן, אויף זיין מיט געקומען, האָט פון זיך זיין רוקן־זאַק אַראָפּגעלאָזט, זיך אַוועקגעזעצט און דערציילט:

— דער אַל־בריק, וואָס פירט פון די טיפסטע אָפּגרונטן ביז די העכסטע היכלות, איז — אינאיינעם מיט די אַנדערע זאַכן, וואָס דער האַר גאָט האָט שוין צו זיי קיין צייט געהאַט — פרייטאָג פאַרנאַכט, שוין בין־השמשות־צייט באַשאַפן געוואָרן... זיך לאַנג מיט אים ניט געעסקט, מיט אים ניט גערעדט און זיין באַרוף אים ניט קלאָר געמאַכט, און באַלד אים אַליין איבערגעלאָזט און פון אים אָפּגעגאַן — און דער האַר גאָט איז דעם שבת באַגעגענען אַרויסגעגאַן. און דער אַל־בריק איז אַליין געבליבן און די ערשטע נאַכט פאַרדמיונט געווען, און שטיל און אין דער פינסטער דאַן זיין פאָרם און זיין פאַרנעם, זיין באַשטאַנד, און וואו אין דער וועלט ער געפינט זיך, באַטראַכט. האָט ער זיך דערזעהן, ווי מיט די פיס אין אָפּגרונט שטעקט, און מיטן קאָפּ אין אַ היכל אַ ליכטיגן געפינט זיך; און אין היכל האָט אַ הייליגע שטילקייט גערוהט, און פון יענעם היכל האָט אַ טיר ערגעץ אין אַ צווייטן געפירט, און די טיר אַהין איז פאַרמאַכט, און פון יענער זייט טיר האָט יענע נאַכט דער האַר גאָט מיט זיין שבת נאָך דער וואָך און וועלט־מידקייט פאַרבראַכט... איז ער מיט זיין קאָפּ צופרידן געווען זעהר, און מיט זיינע פיס ניט איבעריג, ווייל זיינע פיס האָבן אים געקילט און גענעצט, און נעץ און גליטשיקס, און היפל און משונה שרצים האָבן זיך אויף זיי געווידמעט. האָט ער זיך ניט גוט געפילט מיט זיי. האָט ער פון זיי ניט גוטס געטראַכט, און פון טראַכטן איז צו ניט־צופרידנס, און פון ניט־צופרידנס צו תרעומות געקומען; תרעומות, וואָס מען האָט זיך ביי אים ניט אָנגעפרעגט, תרעומות, וואָס מען האָט אים די ברירה ניט געגעבן, תרעומות, וואָס דער האַר גאָט האָט באַלד נאָכן באַשאַפן אים פון אים אַוועקגעאיילט, אַוועקגעאיילט און זיך ביי אים ניט פאַרהאַלטן גאָר... און ווי ער האָט אַזוי תרעומות באַקומען, אַזוי איז דער שטן צו אים מיט אַ ערשטן נאַכטישן וועלט־וויזיט געקומען:

— ער האָט ניט וואָס צו טון, ס'איז נאַכט, און ס'איז שבת, און דער האַר גאָט האָט זיך אין זיין העכסטן היכל איצט פאַרקליבן און זיי — אים, דעם שטן, און דעם אַל־בריק מיט די פיס — האָט אונטן אין די אָפּגרונטן געלאָזט... ס'גייט אים ניט אָן: נעץ און שרצים ווידמענען זיך — זאָלן זיי, ס'איז מיאוס און גליטשיק, — זאָל מיאוס זיין, ער רוהט איצט.

— יאָ — האָט דער אַל־בריק מסכים געווען — און פאַרוואָס זיך גאָר ניט אָנגעפרעגט?

--But an accident could happen! . . .

--And how does that concern you? And what do you gain from there not being an accident? What do you profit and what do you lose?

--Come, clown, what will other bridges say?

--Ha-ha! . . .

And it was then nighttime. Bright stars shone out from one side of a bank, from under a mountain, and from a mountain and from a footpath there a wanderer could be seen making his way down to the river. The bridge awaited him, and when he had come down and had already set a foot on the bridge, wanting to pass over it, the wanderer suddenly heard a voice either coming up from the bridge or from out of the reeds.

--Stop!

--Who? What?--The wanderer became frightened and took his foot back off the bridge.

--I, the bridge, to you, the wanderer: I have something to ask you.

--What?

--I am old and worn out, and see no purpose, console me.

--And who put that thought in your mind?

--The clown in the reeds and my own bones.

--My feet are already swollen as far as my belly, and the swelling reaches almost to my heart . . .

--And so?

--And my feet too see no purpose.

--And yet?

--And yet you are a bridge and must know the Story of the All-Bridge . . .

And the wanderer went up on the bridge, came to its middle, set down his knapsack, sat down and told:

--The All-Bridge, which leads from the deepest abysses to the highest palaces, was--together with the other things that the Lord God had no more time for--created Friday evening, already at twilight . . . He did not concern Himself with it long, did not speak with it and did not make its mission clear to it, and soon left it alone and departed from it--and the Lord God went to greet the Sabbath. And the All-Bridge remained alone and the first night was lost in thoughts, and quietly and in the dark thinking over its form and size, its composition, and where it was in the world. It saw itself, how its feet were stuck in the abyss, and its head in a bright palace; and a holy stillness rested in the palace, and from that palace a door led somewhere into a second palace, and the door to there was closed; and on the other side of the door the Lord God had spent that night with His Sabbath after the week-and world-weariness . . . It was very happy with its head and not much so with its feet, since its feet made it cold and wet, and wetness and sliminess and the wild swarming things that swarmed in them made it not feel good with them. It did not think well of them, and such thinking led to dissatisfaction, and dissatisfaction led to complaints; complaints that it had been given no choice, complaints that the Lord God had hurried away from it soon after its creation, hurried away and spent no time with it at all--And when he received such complaints, Satan came to it with his first night visit to the world:

--He has nothing to do, it's nighttime, and the Sabbath, and the Lord God has secluded Himself now in His highest palace and them--him, Satan, and the All-Bridge with the feet--He has left below in the abysses . . . It doesn't concern Him: wetness and the swarms of swarming things--let them swarm, if it's loathesome and slimy--let it be loathesome, He is resting now.

--Yes--the All-Bridge agreed--and why didn't He ask us first?

· אַ גוטע וואָך ! – האָט ער דעם האַר גאָט אויף זיין ברכה געענטפערט און די אויגן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט·

און (גיט דאָ דער וואַנדערער צו זיין מעשה צו) -- און איבער יענעם שטיקל פון אַל־בריק מוזן איצט אַלע בריקן אָפּקומען, און די לענג מיט דער ברייט זיינען פון שטן פאַרנומען, און ביי אַלע בריקן האָט ער זיינע לצים באַזעצט, און בריקן ווערן פון זייער באַרוף אָפּגערעדט, און דאָס אָפּגעבראָכן שטיקל האָט מען זיך זוכן אַוועקגעלאָזט, אום עס ווידער מיטן אַל־בריק באַהעפטן, און שוין לאַנג, אַז מ׳זוכט עס, און ביי די זוכערס זיינען די פיס פון גיין שוין געשוואָלן; און פאַר דער זינד פון קאָפּ פון אַל־בריק און פאַר זיין ליכט־פאַרמינערונג מוזן פיל קעפּ געקעפּט ווערן, אום מיט דער ליכט פון זייערע קעפּ יענץ היכל־ליכט צו דערפולן. -- – --

און – „תּלמידים״ (גיט דאָ דער מייסטער צו) „דאָס וועט איר אייערע קאָמעדיאַנטן זאָגן, ווען זיי וועלן צו אייך קומען און אייך צער אָנטון, ווען זיי וועלן צו אייך צושטיין און אייך אויף אייערע קעפּ פרעגן.״

און דער מייסטער ווערט אַנטשוויגן· און ער גייט באַלד פון רעדל אַרויס· און יענער פּלאַץ פון וואַנט און פון לייטער פאַרשווינדט באַלד· און ס׳עפנט זיך ווידער דאָס פעלד דאַן אויף· פון וואַנען דער מייסטער מיט די תּלמידים זיינען צום אָנהויב געקומען און זיך באַוויזן פון דאָרט··· און דער מייסטער איז שוין ווייט· און ער שפּאַרט שוין צוריק־גייענדיג אויף אַ האָריזאָנט ערגעץ אָן· און דאָס ליכט פון זיין קאָפּ זעהט זיך ווי אַ בלאַס־פאַרחלשט רעדעלע אויס· און די תּלמידים אונטער אים האַלטן זיך און אויך מיט די ליכט ביי די קעפּ און מיט ברויט און. ויין אין די הענט – אין דער וועלט אַריין און וואוהין דער מייסטער פירט זיי· עס ברענגען; גייען זיי דאָרט און פאַרגייען· און אדם קוקט זיי נאָך אַ צייט· ביז זיי אינגאַנצן פון זיין אויג פאַרשווינדן··· און דאַן· און אדם קערעוועט זיך אויס פון זיי נאָכצוקוקן· אום אויך מיט זיין ליכט צו זיך אַהיים זיך אומקערן·

און אַז אדם אַהיים קומט און קוקט זיך דאַן אויף זיין צימער אום· טרעפט ער עס ווי נעכטן און ווי ביינאַכטן געווען; ער אַליין נאָר אין זיין בעט איצט ליגט, און אויפן אָרט פון זיין קאָפּ אים אַ ליכט נאָר לויכט זיך; היימישע און קרובים אַרום זיין בעט שטייען· שאָקלען אויף אים מיט די קעפּ און זיין אויסזעהן און זיין מזל באַוויינען· און ער קוקט זיי אָן און זייער וויינען און זייערע רחמנות־פּנימער באַדויערט· און אַז זיי פאַרלאָזן אים לסוף· צעגייען זיך· און ער אַליין מיט זיין קאָפּ־ליכט בלייבט· און אַז דער קאָמעדיאַנט דאַן באַוויזט זיך· און ווייטער און ווי געוויינט· אים צו דינען אַ גרייטער· און מיט דער האַנט אין דער טאַש שוין· אום פון דאָרט דאָס טיכעלע אַרויסצונעמען· אים דעם קאָפּ־ווייטאָג צו פאַרגרינגערן – צושמייכלט זיך דאַן אדם· טוט מיט דער האַנט אַ מאַך און לאָזט אים ניט צו נאָהענט· און „איבעריג״ – טוט אַ זאָג – „זעהסט דאָך, און זיי זיך ניט מטריח״···

-- וואָס הייסט? – מאַכט זיך דער קאָמעדיאַנט ניט ווייסנדיג, תּמעוואַטע·

-- זעהסט דאָך· דיין דינסט איז ניט נויטיג· כ׳בין געקעפּט· און דו קאָנסט זיך צו עמיצן אַנדערש פאַרדינגען··

און אַז דער קאָמעדיאַנט הויבט אָן· און ווי דער מייסטער האָט פאָראויסגעזאָגט: „סטייטש?״ און „וואָס הייסט?״ און "בעל־מח· וואו האָסטו דעם קאָפּ פאַרלוירן״· א· אַ· ווי· א· אַ· ווי· צעשמייכלט זיך שוין גאָר דאַן אדם· אַליין רוהיג, און דעם קאָמעדיאַנט באַרוהיגט· לאָזט אים ניט צוגיין און מיט דער שפּראַך ניט אַרויס· הייסט אים נאָר זיך זעצן און דאָס וואָס דער מייסטער האָט אים דערציילט· דערציילט אים·

And when Adam comes home and looks around at his room, he finds it as it was the day before and the evening before; he himself lies in his bed now, and in the place of his head only a light shines; relatives and kin stand around his bed, shake their heads at him and his appearance and bemoan his fate, and he looks at them and regrets their crying and the pity in their faces. And when they finally leave him, and depart, and he remains with the light of his head, and when the Comedian then appears, and once more as usual is prepared to serve him, and with his hand already in his pocket, in order to take out his handkerchief from there, in order to relieve his headache--Adam smiles then, makes a motion with his hand and does not allow him too close, and "Unnecessary"--he says--"as you can see, so don't bother . . ."

--What do you mean?--the Comedian says, not knowing, foolish.

--As you can see, your service is not needed, I am beheaded, and you may hire yourself out to someone else . . .

And then the Comedian begins, as the Master predicted: "What do you mean?" and "What does it signify?" and "Brainy one, where did you lose your head?" etc. etc.--Then Adam smiles completely, calm himself, and calms the Comedian, does not let him come near and talk, directs him only to sit down, and he tells him what the Master told him.

Translated by Michael Stern

THE STRUCTURE OF BEHEADED

THE STORY OF ADAM

Doubter: Adam

Skeptical influence: his Comedian

Positive influence: the Master

THE MASTER'S STORY

Doubter: the bridge

Skeptical influence: his clown

Positive influence: the wanderer searching for the broken-off portion of the All-Bridge

THE WANDERER'S STORY

Doubter: the All-Bridge

Skeptical influence: Satan

(Positive influence: God)